# האַרטער נאַקן — און גאָרניט מער

קום, מיר וועלן זיך באַהאַלטן
אין גריבער פון ערד, אין שטיינערנע שפּאַלטן, —
מיר וועלן זיך אויסציִען מיט אונדזער גוף,
מיטן פּנים אַראָפּ און נאַקן אַרויף.

און מיר וועלן ניט רעדן און ניט דערציילן
פאַרוואָס מיר פאַרמויערן זיך אין היילן,
און מיר וועלן ניט פאַרצייכענען דאָס יאָר,
און ניט די תקופה און ניט דעם דור.

און מיר וועלן ניט איבערלאָזן פון זיך קיין סימן,
ניט קיין שטיקל קלייד און ניט קיין רימען,
ניט קיין שנירל־בענדל פון אַ שוך,
און ניט קיין בלעטל פון אַ בוך.

און עס זאָל אונדז קיינער ניט קאָנען געפינען
ניט אין נאַכט און ניט אין באַגינען,
און וועט אונדז אַמאָל יאָ געפינען ווער —
זאָל ער געפינען ה אַ ר ט ן נ אַ ק ן , ניט מער.

ער זאָל גאַפן און ניט באַגרייפן
פאַרוואָס מיר האָבן געמוזט אין הייל אַנטלויפן,
און וואָס איז געווען אונדזער לעצט וואָרט
אין דער טיף פון שטיינערנעם אָרט.

און ער זאָל קוקן און זיך גאָרנישט דערוויסן
צי עפּעס איז געטאָן געוואָרן מיט אונדזער געוויסן,
צי ווער האָט פאַרפּייניקט אונדזער מוט,
צי ווער האָט אומריין געמאַכט אונדזער בלוט.

צי ס'האָט אונדז געפּייניקט אַ כּלו־שלעכטער,
צי אפשר גאָר אַ כּלו־גערעכטער;
דורך האַק, דורך תּליה־שטריק, דורך קויל,
צי אפשר גאָר דורך וואָרט פון מויל.

און אַז ער וועט פרעגן בײַם רעשט פון גלידער:
ווער זענט איר — רעשט פון שונאים, צי פון ברידער?
וועט אַן ענטפער זײַן: שטומער גרויל
און ווײַסער שוים אויף זײַן אייגענעם מויל.

און אַזוי לאַנג וועט ער קוקן און ניט באַגרײַפן,
ביז וואַנען ער וועט נעמען אין מורא אַנטלויפן
מיט אויגן אַרויס און הענט פאַרוים,
און לויפן אַזוי דור איין—דור אויס.

זײַן געלאַף אַלץ גרעסער — וואָס גרעסער די מורא'ס,
ער וועט לויפן אַזוי ביז סוף פון דורות, —
און מיר וועלן ליגן, ווי ביז אַהער,
אַ האַרטער נאַקן — און גאָר גישט מער.